# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

יום טוב פסח, שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 32 (392)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:24**
מוצאי יו"ט ראשון............**8:54**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-א' כ'-כ"א
בבלי..........................בכורות ג'
ירושלמי.............תרומות מ"ה
תוספתא..............שבת פרק ה'
רמב"ם..................שגגות ט"ו

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן אַ מַצָּה אִין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַז מֶען הַאלְט אַ מַצָּה אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען גָאט אִין דִי הַאנְט". מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּם פֶּסַח. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע פְלֶעגְט קוּשְׁן דִי מַצוֹת וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט. אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ (מַסֶכֶת פְּסָחִים, בְּאֵר הֵיטֵב או"ח סִימָן תע"ז ס"ק א') אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן קוּשְׁן דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת.

אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא דַף מ"א.) וֶוערְן דִי מַצוֹת אָנְגֶערוּפְן "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא" - אַ מַאֲכָל פוּן אֱמוּנָה. מִיט יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה וָואס אַ אִיד עֶסְט, גֵייט אַרַיין אִין אִים אֱמוּנָה. פַארְוָואס עֶסְט מֶען דֶען מַצָּה? נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה. אִין אַן אַנְדֶער פְלַאץ אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה דַף קפ"ג:) רוּפְט עֶר אָן דִי מַצוֹת "מֵיכְלָא דְאַסְוָתָא" - אַ מַאֲכָל פוּן רְפוּאָה. דָאס עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה בְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, סֵיי אַ רְפוּאָה בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי אַ רְפוּאָה בְּגַשְׁמִיוּת.

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אִינְגַאנְצְן פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן; עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע סָארְט קְרֶענְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי צְוֵויי זַאכְן, אֱמוּנָה אוּן רְפוּאָה, גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') אַז אַלֶע קְרֶענְק וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע קְרֶענְק אַזוֹי, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן גֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן אוּן אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעמָאל בַּאזָארְגְט, עֶר זָארְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶס וֶועט זַיין, עֶר הָאט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען עֶפֶּעס גָאר גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַ זַאךְ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס פַּיינִיגְן אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט נֶערְוֶועז קְרֶענְק פוּן וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ גָאר אַסַאךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְגֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן אִים אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע זַיינֶע קְרֶענְק.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי מַצוֹת. נִישְׁט אַז מֶען זָאל מַאכְן אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענְקַייט פוּן דִי מַצוֹת, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן דִי מַצָּה אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן וֶועלְכֶע קֶענֶען צוּמָאל אֲפִילוּ זַיין אַ סַכָּנָה, מֶען קֶען וֶוערְן אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם עִיקָר אַז מֶען עֶסְט דִי מַצָּה נָאר וַוייל מִיר גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עֶסְן דִי מַצָּה, אוּן מִיט דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶסְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁוֶוערֶע קֻשְׁיָא, מִיר זֶעעֶן דָאךְ וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין שְׁטוּבּ; מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, מֶען רֵיינִיגְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אַז עֶס זָאל נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיי אַ אִיד אַ שְׁטִיקְל חָמֵץ אוּם פֶּסַח; אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, לֵיידֶער פַאלְט מֶען יָא דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת אִינְמִיטְן דִי יָאר.

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ

<<<<<<

## א גוטווארט

**"חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרָיִם"**, יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

סְ'אִיז נִישְׁט גְרִינְג דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ בֶּאֱמֶת פִילְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם?

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער זוֹכֶה צוּ הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר אִיז אוּנְז מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר עֶפֶענְט אוּנְז אוֹיף דָאס מוֹיל אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וָואסֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם מִיט וָואס אַ אִיד מוּטְשֶׁעט זִיךְ, זָאל עֶס זַיין אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם, דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט זִיךְ מַמָשׁ וִוי גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן. אוּן דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, דָאס אִיז מַמָשׁ וִוי עֶר אִיז אַלֵיין אַרוֹיס פוּן זַיין מִצְרַיִם.

לָאמִיר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן אִים צוּ פָאלְגְן צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן אַן עֵצָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִצְרַיִים, אוּן דַאן וֶועלְן מִיר מַמָשׁ שְׁפִּירְן וִוי מִיר זֶענֶען אַלֵיין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם.

**אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וְגָאַל אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וָואס אִיז דִי יוֹשֶׁר נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פַּאר אַ כַּלָּה טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה שֶׁעפְּן אַסַאךְ חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

בִּיז עֶס אִיז אָבֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דִי צִירוּנְגֶען פַּאר אַ כַּלָּה, דָאס קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פַאַרְשְׁטֵיין, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ זֵייגֶער פַּאר אֵייעֶר כַּלָּה פַּאר בְּלוֹיז 195$. סְ'אִיז טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט, אָבֶער כְ'הָאבּ מוֹרָא אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף נִישְׁט אַ רִיכְטִיגְן אוֹפָן.

אִיךְ פַאַרְשְׁטֵיי נִישְׁט; אַ מֵיידְל הָאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵייעֶ לֶעבְּן, אוּן זִי גֵייט אוּן זִי אִיז זִיךְ מְשַׁעְבֵּד צוּ אַ מַאן, זִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ הָאדֶעוֶוען קִינְדֶער, זִי אִיז מְוַותֵּר אוֹיף אִיר שְׁלָאף, אוֹיף אִיר הָאר, אוֹיף אִירֶע כּוֹחוֹת, אוּן אוֹיף אַלֶעס, אוּן זִי הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סָפֵק אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיר טַאקֶע מְכַבֵּד זַיין, רוֹב הַיינְטִיגֶע חֲתָנִים זֶענֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע מֶענֶער, אוּן רוֹב חֲתָנִים שְׁטֵייעֶן נִידְרִיגֶער אִין יִרְאַת שָׁמַיִם וִוי דִי כַּלּוֹת.

אִיז דָא כָאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס דִי כַּלָּה קֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן, כָאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס זִי וֶוערְט בַּאצָאלְט, דָאס אִיז מִיט דִי טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, מִיט דֶעם קֶען זִי זַיין אַבִּיסְל פְרֵיילִיךְ; אוּן יֶעצְט גֵייט מֶען אוּן מֶען נֶעמְט דָאס אוֹיךְ צוּ פוּן אִיר?! סְתָּם חֲתוּנָה הָאבְּן אוּמְזִיסְט, נִישְׁט בַּאקוּמֶען רֶעסְפֶּעקְט פוּנֶעם מַאן, אוּן זַיין אַ שִׁפְחָה בְּחִנָּם?!

אוּן בִּכְלַל אִיז דָאס נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ, אֶפְשָׁר זָאל דִי מַאמֶע אַלֵיין אוֹיפְנֵייעֶן דִי בֶּעקִיטְשֶׁעס אוּן קְלֵיידֶער פַאר'ן חָתָן, אַזוֹי וֶועט עֶס אוֹיךְ אוֹיסְקוּמֶען צוּ בְּלוֹיז 159$? אֶפְשָׁר זָאל דֶער חָתָן קוֹיפְן דִי בִּילִיגֶע קַאפְּל-שְׁטְרַיימְל? אִין דִי תּוֹרָה זֶעט מֶען פַארְקֶערְט, מְ'זֶעט אַז אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צִירוּנְגֶען פַאר רִבְקָה, אָבֶער רִבְקָה הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן מַלְבּוּשִׁים פַאר'ן חָתָן.

בַּיי אַסַאךְ מוֹסְדוֹת רֶעדְט מֶען צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, אוּן אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג. סְ'אִיז טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע זַאךְ חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָבֶער סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ צֶעקְוֶועטְשְׁן דִי וואוֹילֶע פְרוֹיעֶן בְּלוֹיז וַוייל סְ'אִיז יֶעצְט אִין סְטַייל צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי חֲתוּנוֹת.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, אוּן מַזָּל טוֹב צוּ דִי שִׂמְחָה, מִיט אַסַאךְ נַחַת דִקְדוּשָּׁה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַז מַיין זוּן - בְּנִי בְּכוֹרִי נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב מִיט אַ מֵיידְל אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אַסַאךְ יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל טְרֶעפְן שִׁידוּכִים פַאר מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט כְּדֵי

<<<<<<

>>>>>>

פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין חָמֵץ אוּם פֶּסַח, עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ עֶסְן מַצָּה אוּם פֶּסַח, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעוֶועזְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים נָאר דֶערְמַאנֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן. אַנְשְׁטָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פִילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד', ז') "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן" - אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגְגֵייעֶר צְוִוישְׁן דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת וִוי אַ מִילְגְרוֹים, אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן. דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל דָאךְ אָבֶער נִישְׁט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, עֶר וִויל נָאר אַז אַ אִיד זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין זַאק אַרַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זַיין חֵשֶׁק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר טָארְן זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אוּן מִיט דֶעם זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב).

דֶער הֵיילִיגֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז לֵיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג בִּיז עֶר אִיז ל"ע גֶעוָוארְן אַ גַלָּח אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף. דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶועזְן אוֹיף דֶעם אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז זַיין תַּלְמִיד זָאל אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דֶעם תַּלְמִיד אוּן אִים אַלֵיין פְרֶעגְן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים.

הָאט דֶער תַּלְמוּד דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶועזְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ בָּחוּר אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם נוֹדַע בִּיְהוּדָה. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶועזְן דֶער סֵדֶר אַז דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן "טֶעג", יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט.

אֵיינְמָאל אִין אַן עֶרֶב פֶּסַח הָאט דֶער בָּחוּר גֶעגֶעסְן בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער בַּעַל הַבַּיִת'טֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ קַארְטָאפְל קוּגְל, אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֵוייצְל אִינֶעם קוּגְל. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶסְן דֶעם קוּגְל, אוּן דֶער בָּחוּר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה מִיט דִי שְׁאֵלָה. דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַלְפֵּל זַיין אִין דִי הֲלָכָה, "עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען עֶס מַתִּיר, אוּן עֶס אִיז דָא פּוֹסְקִים וָואס אֶסְרְ'ן עֶס", "אָבֶער לְמַעֲשֶׂה" - הָאט דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה אוֹיסְגֶעפִירְט - "הַאלְט אִיךְ אַז עֶס אִיז אָסוּר" אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן בָּחוּר פַארְוָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אַזוֹי.

דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶער גֶעוֶועזְן זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן עֶרֶב פֶּסַח, וֶוען חָמֵץ טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אוּן מַצָּה קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן, אוּן פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט דָאךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע שִׁיטוֹת וָואס הַאלְטְן אַז מֶען מֶעג עֶס יָא עֶסְן... גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם גַאנְצְן קוּגְל... אוּן פַאר'ן בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט עֶס גֶע'אֲסַרְ'ט, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט דֶעם קוּגְל.

גְלַייךְ נָאכְ'ן אוֹיפְעֶסְן דֶעם קוּגְל הָאט אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרַע אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר, "קוּק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיזְט אַזוֹי שְׁטַארְק נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן חָמֵץ אוּם פֶּסַח וָואס דָאס אִיז אַזוֹי הַארְבּ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יֵאוּשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וַוייל עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶועזְן אוֹיף אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר.

בַּיינַאכְט וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעדַארְפְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הַמִּטָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ "אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן הַיינְט אַזַא הַארְבֶּער אִיסוּר", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר שׁוֹין אַוַדְאַי זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶועזְן אוֹיף אַן אִיסוּר כָּרֵת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין סַיי וִוי אָפְּגֶערִיסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, פוּן אֵיין עֲבֵירָה צוּ נָאךְ אַן עֲבֵירָה, בִּיז עֶר אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז עֶר הָאט זִיךְ ל"ע גֶע'שְׁמַדְ'ט אוּן גֶעוָוארְן אַ גַלָּח, אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים, בִּיז עֶר הָאט אִים מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶועזְן, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַלֶע זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן, נָאר מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט, קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט דֶערְקֵייקְלֶען בִּיזְ'ן אַוֶועקְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רח"ל.

פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קוּקְט זִיךְ גוּט אָן אוּן זֶעט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז שׁוֹין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר וֶוערְט טַאקֶע אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם לִימוּד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְרַבִּי כַּהֲנָא) אַז מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזַא בֶּגֶד וָואס וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער צַדִיק ר' יוּדְל זַ"ל אוּן זַיין חַבֶר ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע גַאנְצֶע חֲבוּרָה הוֹיבְּן זִיךְ אוֹיף אוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אוּן רֶעדְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי וֶוערְן זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

קלח

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט זֵיי, זֶענֶען אַלֶע זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זֵייעֶר שְׁטָאט דַאשִׁיב, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפַּאצִירְן אַסַאךְ אַרוּם דִי שְׁטָאט, אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, אוּן פַארְבְּרֶענְגְט אַסַאךְ צַייט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן אַזוֹיפִיל הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה, זֶענֶען זֵיי אִין אַ קוּרְצֶע צַייט גָאר שְׁטַארְק גֶעשְׁטִיגְן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן זֵיי הָאבְּן מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה.

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן ר' יוּדְל זַ"ל אוּן זַיין חַבֶר ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל זִיךְ דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער דִי פִילֶע חַיוּת אוּן חִיזוּק וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִוי זֵיי בֶּענְקֶען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶּער זֵיי וואוֹינֶען אַזוֹי וַוייט פוּן רֶבִּי'ן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי גֵייעֶן אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן.

זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן עֶרְלֶעדִיגְט אַלֶעס וָואס פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מִיט זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת, אוּן זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן וואוֹינֶען צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע. אוּן פוּן דֶעמָאלְט פְלֶעגְן זֵיי כְּסֵדֶר אַרַיינְגֵיין כִּמְעַט טֶעגְלִיךְ צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

קלט

וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר בֶּענְקְט זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִי וֶועגְן אוֹיף וָואס זֵיי פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז פוּן יֶעדְן טְרִיט זֵייעֶרֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן צוּ אִים אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ מַלְאָךְ.

הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "אֵיידֶער דִי טְרִיט וָואס מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, הָאבְּן מִיר פַארְדֶעם אוֹיךְ גֶעדַארְפְט אַסַאךְ אַרוּם גֵיין, צוּ זוּכְן צוּ דִינְגֶען אַ קַארֶעטֶע מִיט וָואס צוּ פָארְן", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם, "דָאס אִיז זִיכֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דֶעם, אוֹיךְ פוּן דִי אַלֶע טְרִיט זִיךְ צוּ גְרֵייטְן צוּ דִי רֵייזֶע, זֶענֶען אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מַלְאָכִים פוּן יֶעדְן טְרִיט אוּן טְרִיט".

קמ

אֵיינְמָאל אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען ר' יוּדְל זַ"ל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן עֶפֶּעס אַ מוֹפֵת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "וַוארְט בִּיז נָאךְ שַׁבָּת, וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט זֶען".

עֶר הָאט טַאקֶע גֶעוַוארְט אוֹיף שַׁבָּת, אוּן נָאךְ שַׁבָּת אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, "אִין אַ נָאנְטְן דָארְף וואוֹינְט אַ אִיד וָואס אִיז אַבִּיסְל מְקוּרָב צוּ מִיר, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אוּן עֶר פְלֶעגְט מִיר אַסַאךְ מוּטְשֶׁען אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים עֶר זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. אִיךְ הָאבּ אִים צוּגֶעזָאגְט אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט עֶר הָאבְּן אַ זוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִים אַז יֶעדֶע הַאלְבֶּע יָאר זָאל עֶר מִיר גֶעבְּן אֵיין רֶענְדְל. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער אִיד אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ אִינְגְל, אוּן בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר אַיינְגֶעהַאלְטְן דֶעם תְּנַאי אוּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט יֶעדֶע הַאלְבֶּע יָאר אַ רֶענְדְל. דֶעם דִינְסְטָאג דַארְף דֶער אִיד נָאכְאַמָאל קוּמֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶענְדְל, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז יֶעצְט וֶועט עֶר נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן זַיין צוּזָאג אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶענְדְל, וַוייל זַיין שְׁוָואגֶער רֶעדְט אִים צוּ עֶר זָאל דָאס נִישְׁט גֶעבְּן, דֶער שְׁוָואגֶער טַעֲנָה'ט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹפֵת פוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים, וַוייל דֶער שְׁוָואגֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פִּדְיוֹנוֹת פַאר אַנְדֶערֶע צַדִיקִים זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ לְמַעֲשֶׂה גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן פוּנֶעם שְׁוָואגֶער, אוּן בַּאשְׁלָאסְן נִישְׁט צוּ גֶעבְּן דֶעם רֶענְדְל. וֶועסְטוּ יֶעצְט זֶען אַז אַנְשְׁטָאט דֶעם רֶענְדְל וֶועט עֶר דֶעם דִינְסְטָאג אַהֶער בְּרֶענְגֶען דָאס קִינְד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מַמָשׁ וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען דִינְסְטָאג מִיט זַיין קִינְד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע בְּכִיוֹת אַז עֶר וֵוייסְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶענְדְל, אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז מִיט דֶעם רֶענְדְל פְלֶעגְט עֶר מַאכְט אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ מַמְתִּיק צוּ זַיין דִי דִינִים פוּן דֶעם אִיד, אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער אוֹיפְגֶעהֶערְט גֶעבְּן דֶעם רֶענְדְל הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דִי דִינִים אוֹיף אִים, בִּיז וֶוען דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק. וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וָואלְט דָאס קִינְד גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

>>>>>>

זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי חוּפָּה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ כַּלָה וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אַ כַּלָה וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז חָשׁוּב אוּן גֶעעֶרְט; אַ כַּלָה וָואס וֵוייסְט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז אוּן וָואס וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן נִישְׁט פַאר דִי פָאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט, נָאר וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט: "הַיִתָּכֵן מֶען זָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר דִי כַּלָה נִישְׁט עֶכְטֶע צִירוּנְגֶען וְכוּ'"; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חֲתוּנָה - רוֹב פוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זֵייעֶר טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ שִׂמְחָה, אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן, קֶענֶען זֵיי זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט בֶּאֱמֶת פְרֵייעֶן וַוייל זֵיי דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט; בִּיז מֶען שַׁאפְט פוּן וואוּ צוּ בָּארְגְן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אוּן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער, וַוייל אִין דִי צַייט וָואס מֶען הֵייבְּט אָן בַּאצָאלְן קוּמְט אוּנְטֶער נָאךְ אַ קִינְד חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. פוּן דֶעם גֶעשֶׁעט אַז מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן טוּן שִׁידוּכִים מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין צַייט, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בִּיז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעזוּנְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה זֶענֶען פַארְהַאן אִינְגֶעלַייט וָואס מַאכְן חֲתוּנָה, זֵיי הַאלְטְן בַּיי זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי דֶערְטְרִינְקֶען זִיךְ שׁוֹין אִין חוֹבוֹת פוּן שְׁוֶוערֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער.

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעוִויזְן פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי גְלִיקְלִיךְ מֶען קֶען זַיין מִיט צִירוּנְגֶען וָואס קָאסְט בִּילִיג; בָּרוּךְ ה' אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אִיךְ וואוּנְטְשׁ פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זָאלְן הָאבְּן אַזַא שָׁלוֹם בַּיִת וִוי בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט פָּשׁוּט'ֶע צִירוּנְגֶען לוֹיט וִויפִיל מֶען פַארְמָאגְט וֶועלְן דִי פְרוֹיעֶן נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעדְרוּקְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער.

קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין מַתָּנוֹת פַאר דִי כַּלָה אוּן קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן צִירוּנְגֶען, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס קָאסְט פַאר אַ מְחוּתָּן מַתָּנוֹת נָאר פַאר אֵיין קִינְד? אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי בְּרֶעיסְלֶעט פוּן זֶעכְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער, נָאכְדֶעם דִי רִינְגְל פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, דִי זֵייגֶער צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוֹיעֶרִינְגְלֶעךְ צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער, נָאכְדֶעם אַ פֶּערְל קֵייטְל פַאר אַכְט הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אוּן נָאךְ אַ צִירוּנְג, הַאלְט מֶען שׁוֹין כִּמְעַט בַּיי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, וֶוען דֶער מְחוּתָּן הָאט דִי גֶעלְט קֶען מֶען נָאךְ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט אִיז דָאךְ אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען.

זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת וָואס לֶערְנֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן מִיט אַ פָּשׁוּט'ֶע וֶועג פוּן לֶעבְּן; גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְן זַיין דִי מוֹסְדוֹת וָואס רֶעדְן צוּ מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ נֶעמֶען אַ פַאלְשֶׁע שְׁטֵיין וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֵבִין אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ עֶכְטֶע שְׁטֵיין בִּיז אַ פַאלְשֶׁע שְׁטֵיין, נָאר דֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט דֵיימַאנְטְן וְכוּ'.

אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט גֶעגֶעבְּן צִירוּנְגֶען לוֹיט דִי פַארְמֶעגְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען; מִיר טָארְן נִישְׁט גֵיין גַנְבְ'נֶען כְּדַאי צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט גֶעטוּן, מִיר דַארְפְן קוּקְן וִויפִיל מִיר פַארְמָאגְן.

דָאס וָואס אִיר טַעֲנָה'ט אַז אַ פְרוֹי וֶוערְט נִישְׁט גֶעשֶׁעצְט אִין שְׁטוּבּ זָאל זִי כָאטְשׁ הָאבְּן אִירֶע צִירוּנְגֶען וְכוּ'; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט. לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, אוֹיבּ אַ פְרוֹי וֶוערְט דֶערְנִידֶערְט פוּן אִיר מַאן אוּן אִיר מַאן וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אִיר גֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וֶועט זִי צוּרִיק וַוארְפְן דִי מַתָּנָה אִין פָּנִים, זִי וֶועט עֶס נִישְׁט וֶועלְן אָנְטוּן; אִיז מִמָּה נַפְשָׁךְ פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס קַיין טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, וַוייל אוֹיבּ אִיז דִי פְרוֹי דִי קֶענִיגְן אִין שְׁטוּבּ, דֶער מַאן רֶעדְט צוּ אִיר וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר הָאט סַבְלָנוּת אוּן עֶר וֵוייסְט אִירֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אוּן אִירֶע צַייטְן וְכוּ', אַזַא פְרוֹי אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פְרוֹי, זִי דַארְף נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען וָואס קוּמְט פוּן גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, פוּן בְּלוּטִיגֶע גֶעלְט, זִי פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער; וִוידֶערְאוּם אוֹיבּ דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט חָשׁוּב, דֶער מַאן פִירְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט זִי נִישְׁט וֶוערְן צוּפְרִידְן פוּן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ מְבַזֶה זַיין אוּן צֶעדְרוּקְן וואוֹילֶע פְרוֹיעֶן; אִיךְ רֶעד זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת, זֵיי זָאלְן זֶען אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט אָן בָּארְגְן גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן. אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

BreslevCenter.com\answers


**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858



# זִיךְ גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב

אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר קֶען אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת פְּרוּבִּירְן צוּצוּגְרֵייטְן אַלֶעס אוֹיף יוֹם טוֹב אַז אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן, אוֹיבּ אָבֶּער נֶעמְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם בִּילְד, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין עֶרְגֶעץ. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מֶען דַארְף טוּן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ זָאג אַז נָאר אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט קֶען מֶען עֶפֶּעס טוּן". נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּם יוֹם טוֹב וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער יוֹם טוֹב זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן דִי סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא אַז אַלֶעס זָאל טַאקֶע זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע אוּן בֶּעסְטֶע וֶועג.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה".

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן דִי סוּכָּה', וָואסֶערֶע טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִין דִי סוּכָּה"...

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע יָמִים טוֹבִים, אוֹיבּ בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוֹדֶם אַז מֶען זָאל פִילְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן אִין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער יוֹם טוֹב זָאל זַיין גוּט אוּן פֵיין, אוּן אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, עֶס אִיז גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח)

# דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אַרוּם

דֶער הֵיילִיגֶער סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ "סֵדֶר" פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי נַאכְט אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן פוּן פָארְאוֹיס אַז מֶען גֵייט וֶוערְן אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דִי נַאכְט, צוּ זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט זַיין זַאכְן וָואס עֶר וֶועט גֵיין פַארְקֶערְט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען צוּ זִיצְן בַּיים סֵדֶר מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ וֶוען דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אַרוּם אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, זֵיי ווִילְן פְרֶעגְן אַלֶע סָארְט קַשְׁיוֹת אוּן זֵיי ווִילְן גַנְבְ'עֶנֶען דֶעם אֲפִיקוֹמָן א.א.וו. טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּגֶעגְרֵייט וִוי גֶעהֶערִיג, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט רֶעגְן אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה אָדֶער גֶעסְט אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס וִוי גֶעפְּלַאנְט, וַוייל דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי נַאכְט, צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אָדֶער מֶען וֶועט וַוייטֶער בְּלַייבְּן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ח) אַז דִי שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי "שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר" מִיט דֶעם "כְּסֵדֶר", דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז זַאכְן גֵייעֶן שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת הָאט עֶס אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט עֶס, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי דֶער סֵדֶר, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז דִי גַאנְצֶע יָאר וָואס קוּמְט זָאל מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ פֶּסַח)

# יֶעדֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן

חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים פו ע"ב): כָּל מַה שֶׁבַּעַל הַבַּיִת אוֹמֵר לְךָ עֲשֵׂה, חוּץ מִצֵא - אַלֶעס וָואס מֶען וֶועט מִיר הֵייסְן וֶועל אִיךְ טוּן, אוֹיסֶער אַרוֹיס גֵיין; דָאס הֵייסְט, אַ אִיד דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ יֶעדֶער רֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען טְרַייבְּט אִים אַרוֹיס אוּן עֶר הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, זָאל עֶר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר זִיךְ צוּרִיק אַרַיינְשְׁטוּפְּן בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, מְמֵילָא וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תַּקָּנָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מַמָּשׁ אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי קְדוּשָּׁה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַ שְׁטֶעטְל נֶעבְּן אַפְּטָא אַ מְשׁוּמָּד, וָואס מֶען הָאט פוּן אִים גֶעלִיטְן מוֹרָא'דִיגֶע צָרוֹת. ווִיבַּאלְד עֶר אִיז דָאךְ גֶעקוּמֶען פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַלֶע אִידִישֶׁע מִנְהָגִים, הָאט עֶר גֶעקֶענְט גוּט פַאר'מַסְרְ'ן פַאר דִי גוֹיִם, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע [אוּן פוּן אַזֶעלְכֶע פַארְשׁוֹינֶען הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מֶערְסְטֶע גֶעלִיטְן].

הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעמָאלְט אַז אַ שִׁיקְסֶע וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי אַ אִיד אִיז נֶעלָם גֶעוָוארְן, אוּן וִוי עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ בְּלוּט-בִּלְבּוּל אוֹיף דִי אִידְן אַז מֶען הָאט אִיר גֶע'שָׁחְטְ'ן אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי בְּלוּט אִין דִי מַצּוֹת וְכוּ', אוּן בַּיים זִיצוּנְג מִיטְן צַאר אוּן אַלֶע מִינִיסְטָארְן, הָאט מֶען פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה: מֶען זָאל אַרוֹיסְוַוארְפְן אַלֶע אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן וֶועם מֶען קֶען הַרְגֶ'עֶנֶען וֶועט מֶען הַרְגֶ'עֶנֶען, דֶער מְשׁוּמָּד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מִינִיסְטֶער אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען זַיין רֵייעֶ צוּצוּשְׁטִימֶען צוּ דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, הָאט פַּאסִירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג עֶרְוֶועקְט אִין אִים דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד, אוּן דָארְט בַּיים פַּארְלַאמֶענְט פוּנֶעם צַאר הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בִּיז יֶעצְט אוֹיף דִי אִידְן אִיז אֱמֶת, אָבֶּער נִישְׁט דָאס! אִידְן לֵייגְן נִישְׁט אַרַיין קַיין בְּלוּט אִין דִי מַצּוֹת! וַוייל זֵיי טָארְן נִישְׁט עֶסְן קַיין בְּלוּט. אוּן מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט, אוּן גוּט גֶעוואוּסְט זַיין שִׂנְאַת יִשְׂרָאֵל, מְמֵילָא זֶענֶען דִי אִידְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה דוּרְךְ אִים.

דוּרְךְ דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה, אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן אִידְן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מָסוּר אוּן גֶערֶעדְט כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיף אִידְן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט אִים קַיין שַׁיְיכוּת, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל אִים וַוייזְן וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט אָבֶּער אוֹיךְ מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין דָא מַאכְן עֶפֶּעס אַ בִּלְבּוּל אוֹיף אִים, הָאט עֶר אִים אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּ אַלְט, לָאזְט מִיר אָפּ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נֵיין רֶבִּי, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן! הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן, וֶוער וֵוייסְט צִי עֶר ווִיל פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ בִּלְבּוּל, אַז דֶער רַאבִּין הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט אִיבֶּערְצוּלָאזְן יָאשְׁקֶע אוּן צוּרִיק וֶוערְן אַ אִיד. הָאט עֶר אִים שְׁטֶענְדִיג אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, בִּיז דֶער מְשׁוּמָּד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען: רֶבִּי! אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן... אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב אִים גֶעגֶעבְּן אַפָּאר הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ דֶעם רָב וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן. אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אֲפִילוּ אַ מְשׁוּמָּד קֶען זִיךְ אִין אִים אָנְצִינְדְן דִי נְקוּדַּת הַיַּהֲדוּת - דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד, אוּן מֶען קֶען אִים אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען.

(קוּנְטְרֵס וֶוער אִיז דֶער חָסִיד)


## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס,
USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
347-509-4908
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

## הבטחת מוהרא"ש

מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער
עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש
**אשר בנחל**
וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן
ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.
יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און
געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.
רופט שוין 845-248-1651

## זעלטענע געלעגנהייט

איר קענט יעצט באקומען א SD קארטל
אנגעפילט מיט אלע אלבומס פון די
הערליכע ניגונים פון ישיבה מיט נאך 250
געשמאקע שיעורים, פאר די ביליגע פרייז
פון בלויז $4.99 [רעגולער $9.99].
רופט שוין 347-509-4908

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876